# פרשת בהעלותך

## בס"ד. משיחת כ' אייר ה'תש"מ – להתלמידים ולהתלמידות שיחיו

רשימה פרטית בלתי מוגה

אין דער סדרה און אין דער פרשה פון "בהעלותך את הנרות" ווערט דערציילט אז "בחדש השני בעשרים לחדש"[1] – צוואנציק טעג אין אייר, זיינען דעמאלט איז "נעלה הענן" – האט זיך אויפגעהויבן דעם אויבערשטנ'ס וואלקן, און האט באוויזן אידן אז איצטער דארף מען זיך אויפהויבן און גיין פון הר סיני אין דער ריכטונג צו ארץ ישראל – צו ארץ הקודש.

אין וואס באשטייט דא די אנווייזונג ספעציעל פאר אידישע קינדער?

אז ס'איז דאך דא שעות אין טאג וואס זיי געפינען זיך אין א צושטאנד ווי אידן האבן זיך געפונען ביים בארג סיני: זיי לערנען תורה, זיי דאווענען צו דעם אויבערשטן, ו"לפני מי אתה עומד"[2] – זיי שטייען פאר דעם אויבערשטן,

דערנאך איז דא שעות אין טאג – וואס דער אויבערשטער האט אזוי באשאפן א מענטשן – אויך א קינד – אז ער דארף זיך פון צייט צו צייט אפרוען דורך אויסשלאפן זיך; ער דארף פון צייט צו צייט אפגעבן אויף עסן און אויף טרינקען כדי ער זאל זיין א געזונטער קינד אויך מיט זיין גוף –

כאטש אפילו די צייט ווען ער עסט און טרינקט און שלאפט קען ער ניט לערנען תורה, קען מען דאך מיינען – חס ושלום – אז דעמאלט איז ער אפגעריסן חס ושלום פון תורה,

דערציילט תורה אין פרשה בהעלותך את הנרות, אז בשעת דער אויבערשטנ'ס וואלקן און אנזאג, האט זיך אויפגעהויבן פון בארג סיני, און האט אנגעוויזן יעדער אידן און אלע אידן אז מ'דארף גיין – אוועקגיין פון דארטן,

---

1) פרשתנו (בהעלותך) פרק י', פסוק יא.

2) ראה מס' ברכות דף כ', ע"ב.



© 2002 Jewish Educational Media, Inc.

# פרשת בהעלותך

איז ניט חס ושלום איז אוועקגעגאנגען פון אידישקייט, פון תורה, און פון "תורה צוה לנו משה"[3] – ווי משה האט געגעבן, נאר מ'האט זיך אויסגעשטעלט אויף צוגיין ווי תורה האט אנגעוויזן ווי אזוי מ'זאל גיין – דורך משה'ן,

און כדי צו וויסן וואוהין צוגיין, דערציילט ער אין דער זעלבער ערציילונג, אז "ארון ה'" – דעם אויבערשטנ'ס ארון אין וועלכע ס'זיינען געלעגן די לוחות – איז געגאנגען פאר זיי, און די אידן – יעדערער פון זיי און אלע צוזאמען – זיינען נאכגעגאנגען דעם ארון, און אפילו אז מ'איז געגאנגען אין א מדבר – אין א וויסטעניש, האט מען ניט געדארפט אפילו מלחמה האבן, ווארום אט דעמאלט האט משה רבינו צום ערשטן מאל אויסגערופן, אז "קומה ה' ויפוצו אויביך"[4] – אז דער אויבערשטער שטעלט זיך אוועק פאר אידן, און נאך איידער אידן קומען ערגעץ צו גיין,

און ער שטעלט זיך אוועק אין אזא אופן אז אידן דארפן גארניט מלחמה האבן, נאר ס'איז "ויפוצו אויביך" זיי ווערן פאנאנדערגעשפרייט, אט די אלע וואס זיי זיינען ניט קיין ליב-האבער פון דעם אויבערשטן, אין וואס דריקט זיך דאס אויס, זאגן חז"ל, דורך דערויף וואס זיי האבן ניט ליב אידן,

"וינוסו משנאיך מפניך" – אז זיי אלע אנטלויפן "מפניך" פאר דעם ארון מיט די לוחות מיט דער תורה, נאך איידער אידן קומען אהינצו צוגיין, אזוי אז אידן קענען גיין רואיק אין דרך ה' – אין דער וועג וואס דער אויבערשטער ווייזט זיי אן,

און ווי אזוי ווייסט מען די וועג? דערפאר וואס "ארון ה' הולך לפניהם"[5], ער שטעלט אוועק פאר זיך די תורה, און פירט זיך אויף ווי דער תורה דארף זיין,

און אט דעמאלט איז די אלע זאכן וואס שטערן אים – וואס האבן אים ניט ליב – פאלן זיך פאנאנדער און אנטלויפן, און ער קען גיין "לבטח דרכו" – זיכערערהייט און רואיקערהייט און פריילעכערהייט, ווי א אידישער קינד, ובכלל ווי א איד דארף זיך אויפפירן,

---

3) פ' ברכה פרק לג, פסוק ד.

4) פרשתנו (בהעלתך) פרק י', פסוק לה.

5) שם, פסוק לג.



© 2002 Jewish Educational Media, Inc.

# פרשת בהעלותך

ביז ער קומט צוגיין אין ארץ ישראל, מיט דער אמת׳ער גאולה.

״וישבתם לבטח עליה״[6], און מ׳זיצט רואיק און זיכער, ווארום מ׳האט די גוטע און די קינדער וואס פארשאפן דעם אמת׳ן פארגעניגען –

און מ׳גייט אזוי – ווי ער איז דערנאך ממשיך – ״כל ארץ אחוזתכם גאולה תתנו לארץ״[7] – אז דער גאנצע לאנד וואס דער אויבערשטער האט אפגעגעבן פאר אן אחוזה און פאר א נחלה דעם אידישען פאלק, ווערט דאס אויסגעלייזט דורך די פאסנדע אויפפירונג פון יעדער אידן און אלע אידן,

און דאס וועט זיין אויך בקרוב ממש – גאר אין גיכן, דורך מעשינו ועבודתינו – דורך דערויף וואס די קינדער וועלן זיך אויפפירן ווי ס׳דארף צו זיין, און וועלן אויך טאן וואס ס׳הענגט אפ אן זיי  אז ״והשיב לב אבות על בנים״[8] – אז אויך זייערע עלטערן זאלן נאכמערער טאן אין אידישקייט אין זייער לעבן און אין **זייער הויז,**

און אלע צוזאמען – ״קהל גדול יבואו הנה״[9] – וועלן אינגיכן קומען אין ״כל ארץ אחוזתכם״ – אין אונזער אייביקע אחוזה און די נחלה, אין די ארץ הקדושה – אין דער הייליקער לאנד.

———— • ————

6) ס׳ ויקרא פרק כה, פסוק יט.

7) שם, פסוק כד.

8) ס׳ מלאכי פרק ג׳, פסוק כד.

9) ע״ד ס׳ ירמי׳ פרק לא, פסוק ז׳.



© 2002 Jewish Educational Media, Inc.